# פרשת משפטים

## בס"ד. התוועדות י"ט כסלו ה'תשמ"ו

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

בנוגע צו א תם און מועד איז דאס איז פארבונדן אויך מיט עבודת האדם, ובפרט דער נפש הבהמית שבאדם, וואס אין איר מעמד ומצב קען זיין אויף צוויי אופנים,

אין אן אופן וואס דאס איז "תם", וואס דאס איז "כל ישראל בחזקת כשרות הם", ווארום יעדערער פון זיי און אלע שטאמען זיי פון "ויעקב איש תם",

און דערנאך איז דא וואס "יצרו אנסו", ווי דער רמב"ם זאגט, וואס דעמולט ווערט דאס איז אזא אופן וואס דאס איז ניט ווי אין א הנהגה פון "איש תם", במילא קומט דאס אזוי אויך אראפ אין דער "בהמה", וואס תמורת זה וואס פריער איז זי געווען א בהמה "תם", מיט די דינים פון תם, איז דערנאך געווארן אנדערש.

און ווי מ'זעט אין די דריי פרקים, רעכנט אויס דער רמב"ם כו"כ אופנים וואס אזוי אז אע"פ וואס פריער איז ער שוין געווען א מועד דער שור, מיט אלע תנאים דורך וועלכע ער איז געווארן א מועד, (און?) איז געווען אויסגעהאלטן, איז דערנאך דורך א שינוי קל, ווערט בטל זיין חזקה פון "מועד", און ער איז "חוזר לתמותו", אפילו מיט א שינוי קל, אויב דאס איז נאר א שינוי, כמבואר בארוכה אין די פרטים.

דאס איז אויך דערפון דער לימוד בנוגע צום נפש הבהמית תמה און בנוגע צו נפש הבהמית וואס מפני דערויף וואס יצרו אנסו איז ער געווארן א היפך א תם, איז נוסף וואס מ'זאגט אז אויב ער וועט מאכן א שינוי קל, וואס דאס איז דער ענין התשובה: דער גדר פון תשובה איז, אז בשעתא חדא וברגעא חדא, אפילו ווי די גמרא זאגט אין קידושין אז ער איז געווען א היפך פון צדיק גמור, א "גמור" נאר אין דעם היפך פון צדיק – איז "הרהר תשובה" לכאורה א שינוי קל, ניט געווען קיין מעשה – ווערט ער א תם.

במילא איז אט דא ווערט דער ענין פון "ליישר הדיעות ולתקן המעשים" בנוגע לפועל, אז ווי עס זאל נאר זיין דער מעמד ומצב פון "יצרו אנסו", איז אפגע'פסק'נט דער דין, אז ער מאכט אין זיך א שינוי, איזה שיהי', איז בשעתא חדא וברגעא חדא איז נעשה צדיק גמור!

וואס דאס איז נאך מערער ווי סתם א תם.

וואס דאס איז א מעלה, כאמור: בשעת ער איז א תם מעיקרו, ווי די גמ' זאגט אין סוכה "חסיד מעיקרו" – איז דאס א מעלה, וואס דאס איז די מעלה פון צדיקים; בשעת אבער ער איז א בעל תשובה: אין מיטן איז ער געווען א מועד, און דערנאך האט ער תשובה געטאן – איז במקום שבעלי תשובה איז אפילו צדיקים גמורים ניט נאר "אין עומדין שם", נאר ווי די גירסא וואס ווערט געבראכט בכמה מקומות: "אין יכולין לעמוד שם" - ס'איז אינגאנצן ניט אין זייער יכולת אז זיי זאלן שטיין אין אזא הויכע דרגא ווי עס האט א בע"ת.

ובלשון הרמב"ם: די מעלה פון א בע"ת, אז ניט נאר ער ווערט א חביב ורצוי ווי ס'איז געווען קודם החטא, נאר נאכמערער – אז ביי אים ווערט דער סדר ההנהגה פון "טרם יקראו" איז אט דעמולט ווערט גלייך "ואני אשמע [אענה]"!



© 2004 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת משפטים

ביי א צדיק דארף מען האבן ער זאל מתפלל זיין, און בשעת ער איז מתפלל איז הקב"ה ממלא תפלותיהן של צדיקים; ביי א בע"ת זאגט דער פסוק, און דער רמב"ם ברענגט דאס אראפ אלס א הלכה, אז "טרם יקראו" איז שוין "אני אשמע".

וואס דאס איז דאך דער כללות המעלה פון אידן אין זמן הגלות, וואס אפילו א צדיק גמור אין זמן הגלות זאגט מען אויף אים, פארוואס געפינט ער זיך אין גלות – דערפאר וואס ס'איז געוועזן אן ענין פון "חטאינו";

- ער איז א צדיק גמור; ער געפינט זיך אין זמן הגלות – זאגט מען אין א תפלה וואס מ'זאגט דאס לפני מלך מלכי המלכים הקב"ה, אז מ'געפינט זיך גלינו מארצנו איז דאס דערפאר וואס ס'איז דא אן ענין של חטאים.

במילא, איז יעדער איד וואס געפינט זיך אין גלות – געפינט ער זיך אין א מעמד ומצב וואס עס דארף זיין דער היפך פון "חטאינו",

שטעלט זיך א איד און זאגט בתפלתו לפני ממה"מ הקב"ה אז "לישועתך קוינו כל היום", און דערנאך איז ער ממשיך "ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים" דערנאך איז דאך אויך דא די וואס זאגן אויך בדיבור "אני מאמין בכל יום שיבוא", עאכו"כ ווי דער מדרש תהלים הידוע, וואס שוין אפגעדרוקט און איבערגעדרוקט, און דער ענין ווי עס שטייט אין פירוש הרד"ק (אויך גענומען פון מדרש), אז מ'איז מחוייב מאנען אז עס זאל זיין בנין בית המקדש, וואס דאס קומט בשעת ס'איז דא די גאולה האמיתית והשלימה –

איז דאך זיכער אז יעדער איד וויל מקיים זיין דעם ציווי המדרש, בפרט נאך אז דאס איז א "געשמאקער" ציווי! און ניטא זיך וואס צו דינגען אין דעם! איז א זיכערע זאך אז ער וויל דאס און שרייט דאס,

במילא מאכט מען א געוואלד: היתכן עדיין לא בא?! עבר קציר כלה קיץ ועדיין לא בא!

און דא איז ניט די כוונה ח"ו קומען צו אימעצן מיט מענות, עאכו"כ צו דעם אויבערשטן – מ'מאנט "טאפארו דא פלאהו"! מ'מאנט תכלית! און דער תכלית איז, אז יבוא ויגאלנו ויוליכנו קוממיות לארצנו, בעגלא דידן ממש, בשעתא חדא וברגעא חדא, "ארו עם ענני שמיא", "אחישנה" וואס אין "אחישנה".



© 2004 Jewish Educational Media, Inc.